**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/19/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנאר קעטי האקול'ס סטעיטמענט איבער CDC באשטעטיגונג פון קאוויד-19 בוסטער פאר אלע ערוואקסענע

"הײנט זענען בּוסטערס פאר אלע ערוואקסענע אריבער די לעצטע רונדע פון פעדעראלע איבערבליק דורך געזונטהייט עקספערטן און דאקטוירים. דאס איז גוטע נייעס אזוי ווי מיר גייען אריין אין דעם האלידעי סעזאן און מיר קומען זיך צוזאם אינעווייניג מיט פריינט און פאמיליע.

"בּוסטערס קענען העלפן צוגעבן צוגעלייגטע שוץ, באזונדערס פאר מענטשן עלטער פון 50 און אנדערע וועלכע האבן אנדערע מעדיצינישע פראבלעמען. מיט 80 פראצענט פון ניו יארק סטעיט'ס ערוואקסענע יעצט זייענדיג פולשטענדיג וואקסינירט — איז באקומען די בּוסטער נאך א וויכטיגע וועג צו באשיצן אונז אליין און אונזערע באליבטע, און אזוי אויך וואשן אונזערע הענט און אנטוהן א מאסקע.

"מיר ווייסן אז די לעצטיגע אויפשטייג אין די פארשפרייטונג פון קאוויד אין ראיאנען פון ניו יארק סטעיט קומען פאר צוליב נידעריגע וואקסינאציע ראטעס אין די געגנטער. ברענגען מער ניו יארקער צו וואקסינירט ווערן, אריינרעכענענדיג קינדער פון 5 יאר און עלטער, בלייבט ווייטער די בעסטע וועג צו העלפן ארומדרייען די שוואונג אין אונזער קאמף קעגן קאוויד-19.

"דערפאר, אויב איר זענט נישט וואקסינירט — ווערט וואקסינירט. אויב איר האט קינדער, ברענגט זיי צו וואקסינירט ווערן. און אויב איר זענט שוין וואקסינירט געווארן, באקומט די בּוסטער. עס איז גרינג צו באקומען, אומזיסט און זיכער. לאמיר דאס מאכן, ניו יארק."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov



זיך ארויסשרייבן